פרשת וישב ||| שנת תשפ"ה לפ"ק ||| גליון פג

# הבינוני

שיעורי
הרב שמעון שפיצער
שליט"א

"להבין ולהשכיל לשמוע ללמוד וללמד לשמור ולעשות ולקיים"
הבינוני
שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט"א

באידיש

א הכנה לחנוכה
ה קביעת עתים לתורה
ח עבודה למחשבה

## הכנה לחנוכה

### רעבים גם צמאים נפשם בהם תתעטף;

די צוויי טיילן ביי אַ צרה און אַ ישועה

יום שלישי פרשת וישב כ"ב כסלו תשפ"ד

א

## שתים שהן אחת; יעדע סאָרט יסורים אַנטהאַלט צוויי באַזונדערע חלקים

### אַ צער פון הונגער, און אַ צער פון מחשבה ורצון

שטייענדיג פאר דעם הייליגן יום טוב חנוכה, לאָמיר לערנען אַ שטיקעלע פון ספה"ק **קדושת לוי**, קדושה רביעית לחנוכה, וואו עס שטייט גרויסע יסודות וויאַזוי צו לעבן מיט בטחון און שמחה, און ער טייטשט דאָס אַריין אין די ענינים פון חנוכה באופן כפתור ופרח.

דער הייליגער **באַרדיטשובער רב** זי"ע זאָגט אַזוי: ווען איינער געפינט זיך אין אַ מדבר, און ער האָט נישט דאָרט קיין עסן און טרינקן, זאָל דער מענטש באַמערקן אַז ער גייט יעצט אַריבער צוויי באַזונדערע סאָרט צער.

די ערשטע צער איז **פשוט אַז ער איז הונגעריג און דאָרשטיג**, דאָס איז אַ פיזישע שוועריגקייט וואָס דער גוף ליידט דערפון.

אָבער ס'איז דאָ נאָך אַ צער וואָס באַגלייט בשעת אַזאַ מצב. דאָס איז **די עצם זאַך אַז ער טראַכט וועגן זיין הונגער און דאָרשט** און **ער האָט אַ געוואַלדיגע רצון צו עסן** אָבער ער קען דאָס נישט באַקומען.

אָט די מחשבות און רצונות ברענגען אַן אויסטערלישע צער פאַר'ן מח און פאַר'ן הארץ. **וויפיל מער מען איז משתוקק** פאר אַביסל עסן און טרונקן און מ'זעט נישט קיין מהלך וויאַזוי ס'גייט אָנקומען, **טוט דאָס שטאַרקער וויי**, מיט גרעסערע יסורים.

### די טעכנישע פראָבלעם, און די הילפלאָזיגקייט פּראָבלעם

דאָס זעלבע שפילט זיך אָפּ ביי אַלע סאָרט יסורים וואָס אַ מענטש גייט אַריבער. ס'איז דאָ דער חלק פון **דעם טעכנישן פראָבלעם אַליין** וואָס ער האָט יעצט. און דאַן איז דאָ די אַנדערע חלק, די צער אַז **ער האָפט אַזוי פאר אַ לעזונג, אָבער ס'קומט נישט אָן**. דאָס איז אַ באַזונדערע ווייטאָג, בנוסף צו דעם פיזישן צער פון די צרה זעלבסט.

איידער מיר גייען ווייטער, לאָמיר אַביסל מרחיב זיין די נקודה, היות דער כלל איז פון די גרויסע יסודות וואָס זענען נוגע צו די ענינים פון יסורים, בטחון און קבלת יסורים באהבה, ס'איז דעריבער כדאי זיך צו מתבונן זיין אין דעם לימוד וואָס דער קדושת לוי לערנט אונז דאָ.

### שמחה מיט עצבות איז תלוי אין דעם נפש

מ'האָט שוין אַסאַך מאָל דערמאַנט וואָס ס'שטייט אין **ספר העיקרים** אַז דער עיקר שמחה וואָס יעדער מענטש שפּירט אין זיין לעבן, סיי בגשמיות און סיי ברוחניות, סיי אַ איד און סיי להבדיל אַ גוי, קומט נאָכדעם וואָס **דער נפש האדם האָט געהאַט אַ רצון אויף עפּעס**, ער האָט געוואַרט און משתוקק געווען דערויף, און דערנאָך איז עס אָנגעקומען, **זיין רצון איז ערפילט געוואָרן**, דעמאָלט איז זיין שמחה זייער גרויס.

דאָס זעלבע איז פאַרקערט, ווען דער מענטש איז זייער שטאַרק משתוקק אויף עפּעס און **ער זעט נאָכנישט דעם מהלך וויאַזוי ער גייט געהאָלפן ווערן**, דעמאָלט שפּירט ער **אַ גרויסע צער מיט אַ טרויער**. די צער איז נישט אַזוי שטאַרק פון די עצם פּראָבלעם, נאר **בעיקר אויף דעם וואָס זיין רצון איז נישט ערפילט געוואָרן**. ער וויל אַזוי שטאַרק די זאַך און ער זעט נישט וויאַזוי ער גייט דאָס באַקומען. דאָס אַליין ברענגט אַ געוואַלדיגע עצבות.

### די צווייטע צער פון אומזיכערקייט

זאָגט דער באַרדיטשובער רב: באַמערק אַז יעדעס מאָל ווען דו גייסט דורך אַ שווערע פּרשה, האָסטו אַצינד צוויי באַזונדערע חלקים פון צער; ס'איז דאָ **דער חלק פון הונגער און דאָרשט**, און ס'איז דאָ **דער חלק פון דיין האָפענונג וואָס קומט נישט אָן**.

און אַזוי אויך ביי יסורי הגוף, למשל ווען די האַנט טוט וויי, איז דאָ דערביי צוויי חלקים פון יסורים. ס'איז דאָ **דער ערשטער חלק פון די פאַקטישע האַנט ווייטאָג**; און דאַן איז דאָ דער חלק פון **וואַרטן אַז ס'זאָל ווערן בעסער, און מ'זעט נישט קיין ליכטיגקייט ביים ענדע פון דעם טונעל**, ווען וועט שוין די האַנט אויסגעהיילט ווערן?!

אָט די צווייטע סאָרט צער איז די זעלבע צער וואָס דער בעל העיקרים רעדט דערפון, אַז **חוץ דעם פיזישן ווייטאָג איז דאָ די נקודה פון האָפענונג בנפש**, וואָס דאָס איז בעצם די נקודה וואס איז קובע די גאַנצע שמחה אָדער עצבות פון דעם מענטש. ווען דער רצון ווערט נתמלא ברענגט דאָס אַ געוואַלדיגע שמחה, און ווען ס'ווערט נישט נתמלא ברענגט דאָס אַ גרויסע צער.

### די עיקר ווייטאָג איז דער זאָרג 'וואָס גייט דאָ זיין?!'

טאָמער איז דאָ אַ מציאות אַז דער מענטש איז הונדערט פּראָצענט רואיג און ער ווייסט אויף זיכער אַז דער פּראָבלעם גייט בלי ספק ווערן מסודר, ס'איז נאָר אַ שאלה פון צייט אָבער ס'גייט ווערן געלעזט. דעמאָלט **אפילו בשעת ס'איז נאָכנישט ערפילט געוואָרן זיין וואונטש שפּירט ער שוין כאילו ס'איז אַלעס גוט!**

די סיבה פאַרוואָס אַ מענטש האָט יאָ אַזאַ טיפע צער ווען ער וואַרט אַז ס'זאָל שוין געשען זיין רצון, איז **וויבאַלד ער איז נישט זיכער צי ס'גייט טאַקע פּאַסירן.** ער האָט מורא אַז זיין האָפענונג גייט קיינמאָל נישט געשען, דאָס איז גורם אַז ס'זאָל זיין אַ **'תּוֹחֶלֶת מְמֻשָּׁכָה מַחֲלָה לֵב'** (משלי יג, יב).

ווילאַנג דער מענטש זעט נישט וויאַזוי ס'גייט זיך ענדיגן קרעכצט ער: "הלואי, הלואי, כ'ווייס דאך נישט וואָס דאָ גייט זיין"... אָבער אויב איז ער פאַרזיכערט אַז ס'גייט זיין מסודר, דעמאָלט **קען ער וואַרטן און אפילו בלייבן רואיג**, אפילו ס'איז נאָכנישט אינגאַנצן ערפילט געוואָרן זיין רצון.

פטרון סדר בראשית

נתנדב ע"י הרוצה בעילום שם
לעילוי נשמת הרה"ק ר' **ישעי' יעקב** בן הרה"ק ר' **ישראל אברהם** זצוק"ל

## דער בחור איז צעבראָכן נישט וואוסנדיג זיין עתיד

דאָס איז רעלעוואַנט ביי אַלע זאַכן וואָס אַ מענטש וואַרט דערויף. צום ביישפיל, ווען אַ בחור וואַרט אויף אַ שידוך, **אויב וואָלט ער געוואוסט אויף זיכער אָן קיין צוויי צדדים, אַז ביי די 23 יאָר וואַרט אים אָפּ אַ געוואַלדיגע שידוך**, און ער וואָלט דאָס געזען ממש פאַר זיינע אויגן בלי ספק, **דעמאָלט וואָלט ער זיך אַרומגעדרייט רואיג און צופרידן,** אפילו ער דאַרף נאָך וואַרטן עטליכע יאָר, און אפילו ס'האָט זיך נאָך גאָרנישט געטווישט אין דעם יעצטיגן מציאות.

די עיקר ווייטאָג איז ווייל **דער מענטש האָט אַ האָפּענונג אָבער ער איז נישט זיכער אויב ס'גייט אַמאָל ערפילט ווערן.** ער טראַכט אַגאַנצן צייט פון אַ מעשה וואָס איז געשען מיט יענעם, וואו ס'האָט זיך נישט אַזוי גוט געענדיגט, און דאָס ברענגט אַזאַ שטאַרקע צער. דאָס הייסט אַז חוץ פון די פּאַקטישע הונגער און דאָרשט, איז דאָ נאָך אַ צווייטע צער, פון די מחשבות אַז **מ'וויל אַזוי שטאַרק די זאַך און ס'קומט נישט אָן,** און מ'ווייסט ניטאָמאָל צי ס'גייט אַמאָל געשען.

ב

# יוסיף דעת יוסיף מכאוב; די נפשיות'דיגע ווייטאָג איז אַסאַך טיפער ווי די טעכנישע ווייטאָג

## די צווייטע סאָרט צער איז בלי גבול

אויב מ'ווערט פרעגן: וועלכע פון די צוויי חלקים פון צער זענען טיפער?! וואָס איז מער ווייטאָגליך; די למעשה'דיגע הונגער און דאָרשט, אָדער די מחשבות פון פאַרלוירנקייט אַז אפשר גייט מען נישט געהאָלפן ווערן?!

איז דאָך אַ דבר פשוט אַז **די צער פון דעם צווייטן חלק איז אַסאַך שווערער** ווי די הונגער און דאָרשט אַליין.

די סיבה דערצו איז ווייל די פּאַקטישע צער פון די הונגער אָדער יסורים איז סוף כל סוף באַגרעניצט, אויב מען איז מסיח דעת קען מען עס נישט אַזוי שטאַרק שפּירן. אָבער די ווייטאָגליכע מחשבות און רצון וואָס נעמט אַרום דעם מענטש, **דאָס האָט נישט קיין שום באַגרעניצונגען.** ער קען דמיונ'ען און זיך פאַרשטעלן אַלע סאָרט סיטואַציעס וואָס גייט געשען, דער דמיון האָט דאָך נישט קיין גבול.

## יסורי הנפש איז אַ פּנימיות'דיגע זאַך

בנוסף לזה, איז דאָ נאָך אַ סיבה פאַרוואָס די צווייטע חלק איז אַסאַך שווערער: ווייל יעדער מענטש האָט אַ מער חיצוניות'דיגע מהות און אויך אַ פּנימיות'דיגע מהות. ווען אַ נעגל פון די פינגער טוט ווי איז דאָס אַ חיצוניות'דיגע ווייטאָג, אָבער **דער חלק הרצון איז די מערסט - פּנימיות'דיגע זאַך פון דעם מענטש**, און ווען דאָס טוט ווי דעמאָלט איז עס די גרעסטע יסורים.

די נפשיות'דיגע צער איז נאָך **אַ גרעסערע צער ווי די עצם יסורים פּונעם גוף**, ווייל די טעכנישע יסורים זענען למעשה אַ חיצוניות'דיגע סאָרט ווייטאָג, אָבער דאָס קומט נישט צו צום צער פון דעם נפש וואָס וויל אַזוי שטאַרק געהאָלפן ווערן אָבער ס'האָט נישט קיין שום מהלך וויאַזוי די האָפענונג וועט ערפילט ווערן און ס'קען גאָר זיין אַז ס'גייט קיינמאָל נישט נתמלא ווערן. **דאָס איז אַ צער אין דעם חלק הרצון** וואָס איז די טיפסטע פלאַץ פון דעם נפש.

## די צוויי חלקי הצער ביים פאַרלירן אַ נאָנטן ל"ע

צוריק צום יסוד פון דעם קדושת לוי: יעדער מענטש וואָס גייט דורך אַ שווערינקייט, האָט בשעת מעשה צוויי באַזונדערע סאָרט צער. און **דאָס איז נוגע ביי אַלע מצבים** פון פּראָבלעמען און יסורים.

מ'האָט ביז יעצט גערעדט וועגן הונגער און דאָרשט און וועגן אַן אבר וואָס טוט ווי, אָבער דאָס זעלבע שפּילט זיך אָפּ ווען אַ נאָנטער קרוב גייט אַוועק פון דער וועלט ל"ע, השי"ת זאל אָפּהיטן אַלע אידישע קינדער; בפרט אויב ס'איז געשען אויף אַן אופן פון אַן אומגליק. ה' ירחם.

אַזאַ דורכגאַנג איז באמת אַ מורא'דיגע צער און אבילות. אָבער אַז מ'איז זיך מתבונן וועט מען זען אַז **אויך די צער איז צאַמגעשטעלט פון די אויבנדערמאַנטע צוויי חלקים.**

ס'איז דאָ **דער ערשטער חלק** אַז טעכניש איז עס זייער שווער, צ.ב.ש. אויב ס'איז ל"ע געבליבן אַן אלמנה מיט קינדער וואָס האָבן פאַרלוירן אַ טאַטע. אַזוי אויך איז דאָ די בענקשאַפט וואָס די נפש שפּירט, דאָס איז אויך אַ חלק פון דעם טעכנישן צער, ווייל **ס'איז נישט פאַרבינדן מיט קיין דמיונות אָדער מחשבות**, נאָר ס'איז פשוט זייער ווייטאָגליך פאַר'ן נפש ווען מ'האָט פאַרלוירן אַזאַ נאָנטן מענטש וואָס איז יעצט נישטאָ מער.

אויסערדעם איז דאָ **דער צווייטער חלק**, די זאָרג און די צער: וויאַזוי גייען מיינע רצונות ערפילט ווערן?! **וואָס גייט דאָ זיין ווייטער?! ווילאַנג וועט דער מצב זיין אַזוי?! איז דאָ עפּעס אויף דער וועלט וואָס קען העלפן מיין לאַגע?!** דאָס איז דער צווייטער חלק וואָס איז **נאָך שווערער און טיפער** פון דעם פיזישן צער.

## לב יודע מרת נפשו; דער בר דעת האָט מער צער

די אויבנדערמאַנטע נקודה ליגט טאַקע אין די ווערטער פון דעם חכם מכל אדם אין ספר קהלת (א, יח): **וְיוֹסִיף דַּעַת יוֹסִיף מַכְאוֹב.**

דאָ שטייט אין פסוק אַז אַ מענטש וועלכער האָט וויניגער שכל האָט וויניגער יסורים, ווייל ער איז אַן אויבערפלעכליכער מהות און דעריבער דערהערט ער נישט זאַכן אַזוי טיף. ווידעראום אַ מענטש מיט אַ טיפע הבנה טוט אים אַסאַך מער ווי געוויסע זאַכן ווייל ער כאַפּט די עומק פון דעם ווייטאָג.

צום ביישפיל ווען ס'קומט אונטער אַן ענין פון בושה. אויב מ'האָט פאַרשעמט אַן אויבערפלעכליכן מענטש איז אים דאָס געווענליך אַסאַך גרינגער. ער לאַכט מיט מיט'ן עולם און גייט זיך ווייטער... אָבער אַ טיפער מענטש טראַכט נישט בלויז וועגן די ווערטער וואָס זענען געזאָגט געוואָרן, **נאָר אויך וואָס ליגט הינטער דעם.** זיין מח לערנט עס אָפּ: 'אויב יענער האָט אַזוי געזאָגט, איז פשט אַז ער האַלט נישט פון מיר', און אַזוי קריכט ער ווייטער און ער ווערט איינגאַנצן פאַרווייטאָגט. - יוסיף דעת יוסיף מכאוב.

## דער חלק הנפש שפּירט מער וויבאַלד ס'האָט מער דעת

לעניננו דאַרף מען צולייגן אַז **דער זעלבער 'יוסיף דעת' איז דאָ ביי דעם זעלבן מענטש אַליין.** ביי דעם פלאַץ אין זיין נפש וואו ס'איז דאָ מער 'דעת', דאָרט איז אויך דאָ מער 'מכאוב'. דערפאַר איז די פיזישע צער וויניגער יסורים **אין פאַרגלייך צו דעם צער פון זיין חלק הדעת,** וואו ס'ליגט זיין רגש מיט זיין שכל, וואָס דאָס איז דאָך די מדה פון דעת.

דאָס הייסט אַז אויסער דער טעכנישער חלק פון דער צרה, איז דאָ דער חלק פון דעת, וואו דער מענטש באַשולדיגט זיך אַסאַך מאָל: "איך בין שולדיג, וואָס וועט דאָ זיין" וכדומה. **דאָס איז זייער אַ ווייטאָגליכע פלאַץ,** אויף אַזוי ווייט אַז פון דעם גאַנצן פרשה וואָס ער גייט יעצט אַריבער, ליגט אין יענעם מקום בנפש דאָס גרעסטע געפיל פון צער!

## די ישועה קומט אין צוויי שטאַפּלען

זאָגט דער קדושת לוי ווייטער, אַז ווען דער רבוש"ע העלפט און ער שיקט די ישועה - למשל אויב דער מענטש איז געווען אין מדבר, גענצליך אויסגעהונגערט און דאָרשטיג, און השי"ת האָט אים געהאָלפן אַז ער איז אָנגעקומען צו אַן עיר מושב וואו ער האָט ב"ה גענוג עסן מיט טרינקען - איז יעצט דער מענטש געהאָלפן געוואָרן אין צוויי באַזונדערע שטאַפּלען.

די ערשטע ישועה איז געווען באַלד ווען ער איז אָנגעקומען אין שטאָט און ער האָט געזען אַז ס'איז דאָ צוגעגרייט עסוואַרג. ער באַקומט שוין דערפון אַ געוואַלדיגע שמחה, **נאָך איידער ער האָט בכלל עפּעס געגעסן** אָדער געטרונקען.

נאָכדעם ווען ער זעצט זיך אַראָפּ עסן און טרונקען איז דאָס נאָך אַ ישועה, **כלפּי די אַנדערע צרה וואָס ער האָט געהאַט, די צרה פון די פּאַקטישע הונגער און דאָרשט.** כדי צו ענדיגן יענע צער דאַרף ער בפועל עסן און זאַט ווערן.

אָבער כלפּי די טיפערע ווייטאָג פון זיינע מחשבות 'וואָס וועט דאָ זיין? איך גיי אויסגיין פון הונגער, וואָס טוט מען דאָ?', **אָט דער חלק ווערט גלייך אָנגעפילט מיט שמחה תיכף ומיד ווען ער זעט אַז ס'איז ב"ה דאָ עסן.** דאָס אַליין איז אים גענוג צו אַרויסגיין פון דעם צער.

## דער חילוק צווישן 'הטוב והמטיב' און 'ברכת המזון'

דערמיט זאָגט דער הייליגער קדושת לוי פשט, פאַרוואָס ביי אַ בשורה טובה מאַכט מען די ברכה 'הטוב והמטיב' גלייך ווען מ'הערט די בשורה, און ווען מען בענטשט נאָכ'ן עסן מאַכט מען די ברכת המזון נאָכ'ן עסן, ווי ס'שטייט 'ואכלת ושבעת וברכת'.

פאַרוואָס קומט די ברכת המזון ערשט נאָכ'ן עסן? ווייל די **חלק פון הונגער ווערט נישט מסודר ביז מ'האָט נישט געענדיגט עסן.** בלויז נאָכ'ן עסן איז דער מענטש געוואָרן מיושב און יעצט קען ער דאַנקען דעם רבוש"ע אַז ער איז געוואָרן געהאָלפן פון זיין למעשה'דיגע הונגער.

אָבער די ברכה פון 'הטוב והמטיב' מאַכט מען שוין **תיכף בשעת מ'הערט די בשורה טובה,** ווייל כלפּי דעם צווייטן חלק איז ער גלייך געקומען אַ שלימות'דיגע ישועה און אַ נחמה! באַלד ווען דער מענטש האָט באַקומען די בשורה טובה האָט זיך גענצליך געענדיגט די צער פון דעם נפש!

מ'זעט עס טאַקע אַסאַך מאָל אַז אַ מענטש שטעלט לחיים אין ביהמ"ד ווייל ס'איז אים אָנגעקומען אַ בשורה טובה. וואָס האָסטו פון דעם אַז ס'איז געקומען אַ בשורה?! די תשובה איז, אַז **ס'האָט אים בעיקר וויי געטון דער חלק פון די דאגות און די אומזיכערקייט וויאַזוי ס'גייט זיך ענדיגן**, און אַצינד האָט דער חלק באַקומען אַ גאַנצע שלימות. יעצט איז ער שוין רואיג און ער קען שוין מנדב זיין אַ לחיים.

ג

# כי השביע נפש שוקקה; די נפש ווערט פרייליך גלייך ווען ס'קומט אן די בשורה טובה

## די צוויי ישועות פון דעם מדבר וואַנדערער

מיט דעם יסוד טייטשט דער קדושת לוי דעם קאַפּיטל ק"ז אין תהלים, וואו ס'ווערט דערמאַנט אַז די הולכי מדבריות דאַנקן דעם אויבערשטן אויף זייער ישועה.

דער פסוק זאָגט: **תָּעוּ בַמִּדְבָּר בִּישִׁימוֹן דָּרֶךְ עִיר מוֹשָׁב לֹא מָצָאוּ - רְעֵבִים גַּם צְמֵאִים נַפְשָׁם בָּהֶם תִּתְעַטָּף** - דאָס הייסט אַז די הולכי מדבר האָבן געהאַט צוויי פּראָבלעמען. די ערשטע צער אַז 'רעבים גם צמאים' - זיי זענען געווען פיזיש הונגעריג און דאָרשטיג. און די צווייטע צער אַז 'עיר מושב לא מצאו, נפשם בהם תתעטף' - זיי האָבן געליטן פון דעם געפיל: "וואָס וועט זיין?! איך שפּיר אַז איך גיי אויס, וואָס וועט זיין מיט מיין משפחה און קינדער, זאָל איך שרייבן אַ צוואה?!"

דערפאַר שפּעטער, ווען די פסוקים פאַרציילן איבער דער ישועה, איז דער סדר הפסוקים אַז גלייך ווען ס'איז געווען **וַיַּדְרִיכֵם בְּדֶרֶךְ יְשָׁרָה לָלֶכֶת אֶל עִיר מוֹשָׁב**, איז שוין תיכף ומיד **יוֹדוּ לַה' חַסְדּוֹ וְנִפְלְאוֹתָיו לִבְנֵי אָדָם** - באַלד ווען דער מענטש האָט געטראָפן דעם עיר מושב דאַנקט ער שוין דעם רבוש"ע. הגם ער איז נאָך דאָס זעלבע הונגעריג, אָבער **ער האָט שוין נישט די עיקר טיפע צער!** ער איז געהאָלפן געוואָרן מיט דעם צווייטן חלק פון זיינע יסורי הנפש!

הערשט שפּעטער שטייט אין פסוק: **כִּי הִשְׂבִּיעַ נֶפֶשׁ שֹׁקֵקָה וְנֶפֶשׁ רְעֵבָה מִלֵּא טוֹב**. דער מענטש דאַרף זיך אויך זעטיגן בפועל כדי צו ערפילן דעם ערשטן חלק פון די פיזישע יסורים.

## די ווייטאָג פון אַ באַגער וואָס ווערט נישט ערפילט

דער קדושת לוי איז מסביר אַז דאָס איז די כוונה אין דעם מאמר חז"ל (יומא סז, א): **אינו דומה מי שיש לו פת בסלו למי שאין לו פת בסלו**', אַ מענטש וואָס פאַרמאָגט ברויט אין זיין באַזיץ האָט אַ געוואַלדיגע רואיגקייט, און דאָס פאַרקערטע ברענגט אַ שטאַרקע אומרואיגקייט.

דאָס הייסט אַז **אויב אַ מענטש האָט אַ שטאַרקע רצון און השתוקקות וואָס ווערט נישט ערפילט, ברענגט דאָס אים אַ געוואַלדיגע צער** וואָס ווערט אָנגערופן 'אין לו פת בסלו'. חז"ל זאָגן אונז דאָס, כדי מיר זאָלן דערהערן פאַרוואָס דער מענטש איז אין אַזאַ שטאַרקע צער ווען ער וויל אָנקומען צו עפּעס אן ערפאָלג.

## די טיפערע צער פון דעם אַלטן בחור

אויב מ'איז זיך מתבונן איז דאָס **איינס פון די גרעסטע שווערינקייטן פון אַ בחור וואָס ווערט עלטער און ער האָט נאָכנישט געטראָפן זיין שידוך.** צומאָל קען מען טראַכטן: "אָקעי, דאגה נישט אַזויפיל, דער אויבערשטער וועט העלפן, צום סוף טרעפט יעדער אַ שידוך"... מענטש כאַפּן נישט דעם ווייטאָג: "האָב הנאה פון די בחור'ישע יאָרן... וואָס איז די גרויסע פּראָבלעם צו זיין 21 יאָר אַלט?! שפּעטער וועסטו האָבן אַ ריחיים על צווארך, כאַפּ אַריין"...

די סיבה פאַרוואָס מ'קען זאָגן אַזעלכע 'חיזוק' ווערטער איז, ווייל מ'פאַרשטייט נישט אַז דאָ איז פאַראַן צוויי חלקים פון צער.

כלפּי דעם טעכנישן חלק ביסטו טאַקע גערעכט. ס'זענען דאָ מענטשן וואָס ליגן אין שפּיטאָל און דער בחור איז ב"ה געזונט און שטאַרק, וואָס האָט ער זיך אָפּצורעדן. אָבער **כלפּי דעם צווייטן חלק פון די יסורי הנפש, האָט ער אַ געוואַלדיגן צער.** ער טרעפט זיך שוין נישט דאָס פּלאַץ אין ישיבה, ווייל ס'איז נישטאָ מער זיין יאָרגאַנג בחורים; ער זוכט זיך אַ כולל, אָבער אויך דאָרט שפּירט ער זיך אומבאַ'טעמ'ט צווישן די יונגעלייט. ער ווייסט נישט מאין יבא עזרו.

אָט די אומקלאָרקייט אויפ'ן עתיד און דאָס נישט וויסן 'ווען' און 'וויאַזוי' ער גייט געהאָלפן געוואָרן, באַגלייט מיט די אַלע זאָרגן און דמיונות פונעם מח, **דאָס איז אַ גרויסע שווערינקייט** וואָס חז"ל רופן עס אן 'אין לו פת בסלו'. ס'איז באמת אַ ווייטאָג.

## די חילוק צווישן די צוויי חלקים, ווען די ישועה קומט אן

נאָכדעם וואָס דער מענטש ווערט געהאָלפן האָבן מיר געלערנט אַז ס'איז דאָ צוויי באַזונדערע חלקים; די ערשטע ישועה איז **בלויז דער עצם ידיעה אַז ער איז אָנגעקומען** אין דעם עיר מושב און ס'איז אָנגעגרייט אַ סעודה פאַר אים. דאָס אַליין איז שוין אַ געוואַלדיגע שמחה אַז ער ווייסט אַז ס'איז דאָ עסן. נאָכדעם איז דאָ די צווייטע ישועה אַז **ער ווערט פּאַקטיש זאַט** און זיין הונגער גייט אַוועק.

זאָגט דער קדושת לוי אַז ס'איז דאָ נאָך אַ חילוק ווען מ'ווערט געהאָלפן און די ישועה קומט אן.

## דער חלק הרצונות באַקומט די עיקר שמחה גלייך די ערשטע מינוט

כלפּי דעם צווייטן סאָרט צער פון דעם נפש, איז **די קלימאַקס פון דער שמחה ווען מ'באַקומט די בשורה טובה**, אַז ס'איז דאָ צוגעגרייט עסן מיט טרונקן. די גרעסטע שמחה איז **דוקא אין דער מינוט וואָס מען האָט באַקומען די בשורה.** וואָס אַ מינוט שפּעטער ווערט די שמחה ווייניגער, טראָצדעם וואָס דאָס מציאות איז געבליבן די זעלבע.

די סיבה דערצו איז, ווייל מיט יעדע פאַרבייגייענדע מינוט ווערט דער מענטש צוגעוואוינט צום נייעם מצב. **ער פאַרגעסט שוין דעם 'תוחלת ממושכה' וואָס האָט געברענגט אַזויפיל צער פאַר זיין נפש** און פאַר זיינע מחשבות.

## די טעכנישע חלק באַקומט די עיקר שמחה שפּעטער

אָבער כלפּי דעם ערשטן סאָרט פּראָבלעם, די טעכנישע צער פון הונגער און דאָרשט, איז דער קלימאַקס פון דער שמחה **דוקא שפּעטער ווען דער מענטש איז שוין זאַט און האָט שוין אָפּגעגעסן.**

בשעת מ'הייבט אן עסן דעם ערשטן לעפל איז דער מענטש נאָכנישט מסודר, נאר **מיט יעדע מינוט וואָס גייט אַריבער הייבט ער אן שפּירן בעסער** און ער ווערט אַלץ מער אויפגעראָכטן און געהאָלפן מיט יעדן פאַרבייגייענדן מינוט.

## ברכת המזון איז נאָכ'ן עסן, הטוב והמטיב איז פאַר'ן עסן

ווי דערמאַנט איז דאָס די סיבה פאַרוואָס ברכת המזון מאַכט מען הערשט נאָך דער סעודה, ווייל **'טעכניש' ווערט מען זאַט בלויז נאָכ'ן ענדיגן עסן.** אָבער די ברכה פון 'הטוב והמטיב' זאָגט מען גלייך אין דער ערשטער סעקונדע וואָס מ'האָט געהערט די בשורה, ווייל דעמאָלט איז די שפּיץ פון שמחה פאַר'ן נפש, **נאָך איידער ער האָט עפּעס געגעסן.** אויב דו וועסט אַביסל וואַרטן, וועט שוין די ברכה נישט זיין מיט'ן זעלבן התלהבות.

מ'קען דאָס באַמערקן אַסאַך מאָל אַז ווען אַ מענטש זעט וויאַזוי די ישועה איז אָנגעקומען, איז נאָך איידער ער האָט אפילו הנאה דערפון **רופט ער שוין אן זיינע נאָענטע דערציילן די גוטע נייעס מיט אן עקסטאַז**, ווייל דעמאָלט שפּירט ער די גרעסטע שמחה.

דער קדושת לוי איז מסביר מיט אַ טיפערן בליק די סיבה פאַרוואָס דער מענטש איז דעמאָלט אַזוי פרייליך, ווייל **אין יענע ערשטע מינוט, ווען די בשורה איז אָנגעקומען, איז ער אינגאַנצן אַרויסגעגאַנגען פון דעם 'תוחלת ממושכה'.** שפּעטער, מיט וויפיל מער צייט ס'גייט אַריבער, פאַרגעסט שוין דער מענטש ווי שטאַרק זיין נפש און זיינע מחשבות האָבן געוואָלט האָבן די זאַך. יעצט ווערט עס ביי אים אַ דבר פשוט. ער געדענקט שוין נישט דעם צער הנפש און די האָפענונג וואָס ער האָט געהאַט.

ד

# בעת צרה ובעת ישועה; ס'איז דאָ אַ טיפערע באַדייט בנוסף צו די טעכנישע מציאות

## די צוויי חלקים פון צער ביי אַ בשורה רעה ל"ע

דער קדושת לוי רעדט לגבי אַ בשורה טובה, אָבער באמת איז דאָ די זעלבע זאַך פאַרקערט, **ווען ס'קומט אן אַ שווערע בשורה**, איז אויך פאַראַן צוויי סאָרט צער אין דעם בשורה.

לדוגמא, דער מענטש האָט געהאַט אַ האָפענונג אויף אַ גוטע זאַך; מ'האָט געוואַרט און אַרויסגעקוקט אויף אַ קינד, און ער האָט זיך שוין משתעשע געווען מיט דער מחשבה וויאַזוי מ'גייט פּראַווען אַ שמחה, ער איז שוין פאַרנומען דערמיט, ער האָט שוין באַשטעלט זאַכן אויף דער שמחה... אָבער נאָכדעם שטעלט זיך אַרויס אַז ליידער איז נישטאָ קיין שמחה - קיין שום איד זאָל נישט וויסן פון אַזאַ צער. נאָכ'ן געבורט קומט דער דאָקטער פאַרציילן אַז ס'איז נישט קיין געזונט קינד ל"ע. די נפש האָט זיך נישט צוגעגרייט דערצו און ער ווערט אינגאַנצן מבולבל.

זאָגט דער קדושת לוי אַז דאָ קומט יעצט פאַר צוויי באַזונדערע סאָרט יסורים. ס'איז דאָ די צער פון די טעכנישע זאַך אַליין. **ער ווייסט נישט וויאַזוי זיך אַן עצה צו געבן מיט די נייע שווערע אומשטענדן.**

אָבער דאַן איז דאָ די צער פון דעם רצון וואָס דער מענטש האָט געהאַט און ס'איז געוואָרן פאַרקערט. **זיין נפש איז געווען צוגעגרייט פאַר אַ שמחה און יעצט האָט זיך עס איבערגעדרייט.** ער איז געבליבן מיט אַ רצון וואָס איז נישט ערפילט געוואָרן.

## דער שאָק ווען די נפש פאַרלירט האָפענונג

דו מוזט באַמערקן און כאַפּן אַז ס'איז צוויי באַזונדערע סאָרט צער. און אַז **די טיפערע צער איז נישט צוליב די זאַך אַליין**, נאר צוליב דעם רצון וואָס איז נישט נתמלא געוואָרן. די סיבה פאַרוואָס דו ביזט יעצט אַזוי שטאַרק מבולבל איז **ווייל דו האָסט געכאַפּט אַ שאָק.**

ווען ס'געשעט עפּעס פאַר'ן מענטש און ער איז נישט געווען צוגעגרייט נפשיות'דיג, לייגט דאָס צו אַזויפיל ווייטאָג מיט זאַלץ אויף די וואונדן, וויבאַלד **זיין נפש האָט זיך שוין צוגעגרייט צו אַ שמחה, און אינמיטן האָט זיך אַלעס אָפּגעשטעלט**, ער איז געבליבן מיט דעם רצון וואָס איז נישט ערפילט געוואָרן.

## די עיקר שווערקייט; אַ רצון שלא נתמלא

דאָס זעלבע זאַך איז ווען אַ חתן האָט זיך שוין געגרייט צו דער חתונה, און ס'האָט ליידער פּאַסירט אַז די שידוך איז צעגאַנגען, מ'זאָל נישט וויסן פון קיין צער. איז יעצט דאָ צוויי באַזונדערע צער. אויב ס'וועט אַריבערגיין צוויי יאָר פון יעצט, וועט מען זען אַז די צער פון דעם 'רצון שאינו נתמלא' ווערט שוואַכער און שוואַכער, צוביסלעך פאַרגעסט ער פון דעם 'תוחלת ממושכה' וואָס ער האָט געהאַט, און ס'בלייבט נאר די טעכנישע צרה פון דעם מציאות.

אויב איז די מעשה, ווי פריער דערמאָנט, פון אַ נישט געזונט קינד ל"ע איז אודאי יאָ דאָ אַ געוואַלדיגע צער פון דעם מציאות, ווייל די צרה האָט דאָך אַ המשך, און מ'ווייסט נישט וויאַזוי מ'גייט זיך דאָ אַן עצה געבן צו באַהאַנדלען דאָס קינד. אָבער אין אַסאַך אַנדערע פעלער איז די טעכנישע צער אפילו נישט אַזוי גרויס, **בעיקר איז נאר דאָ די צער פון דעם רצון וואָס איז נישט ערפילט געוואָרן**, און ווען ס'גייט אַריבער אַ יאָר צוויי, ווערט טאַקע די ווייטאָג אַסאַך שוואַכער.

## דעם עילוי'ס חשבון...

מען פאַרציילט אויף הגאון רבי **יעקב קאַמענעצקי** זצ"ל אַז זייענדיג אין אייראָפּע האָט ער אָפּגעשריבן אַ גאַנצע הויפן מיט חידושי תורה, און ער האָט דאָס געשיקט קיין אַמעריקע אַז מ'זאָל עס דרוקן. אָבער ס'איז אַלעס פאַרלוירן געוואָרן אין דער פּאָסט. פאַרשטענדליך אַז די צער און עגמת נפש איז געווען אויסטערליש. האָט ר' יעקב דעמאָלט גערעדט צו זיך אַליין: "יענקל, מ'זאָגט אויף דיר אַז דו ביזט אַן עילוי, נו, אַן עילוי דאַרף קענען רעכענען. לאָמיר מאַכן אַ חשבון, **אין אַ יאָר אַרום וועט דיך עס אויך אַזוי שטאַרק וויי טון? זיכער אַז נישט.** נו, אַן עילוי דאַרף שוין יעצט קענען שפּירן ווי אין אַ יאָר אַרום"...

דער אמת איז, אַז נאר אַן עילוי מאַכט טאַקע אַזעלכע חשבונות... אָבער בעצם איז דאָס אַ נקודה וואָס יעדער מענטש דאַרף אויפפּאַסן, טאָמער נישט נעמט ער חיזוק אויף דעם נישט ריכטיגן חלק. ער איז פאַרנומען זיך מחזק זיין אויף אַלע סאָרט זאַכן, אָבער **ער כאַפּט נישט וואָס ס'איז די עיקר ווייטאָג וואָס באַדערט אים.** דו דאַרפסט דערהערן אַז דיין צער קומט פון דעם 'תוחלת ממושכה' וואָס איז פאַרלוירן געגאַנגען.

## דער אָפּגעזאָגטער שידוך איז אַ טובה, אָבער די אַנטוישונג בנפש איז אַ צרה

מ'האָט פריער געגעבן אַ ביישפּיל פון אַ שידוך וואָס איז געוואָרן אָפּגעלאָזט. דאָרט איז עס אַ דבר פשוט אַז די עיקר צער איז נישט פונעם עצם מציאות. ווייל דאָרט איז די זאַך אַליין נישט קיין שום פּראָבלעם. **ב"ה אַז דער שידוך איז געוואָרן אויס**, ווייל ס'איז דאָך נישט געווען די ריכטיגע זאַך. ס'איז ממש אַ נס אַז דער שידוך איז למעשה נישט געשען. אָבער **למעשה קען מען זיך נישט מתעלם זיין פון דעם טיפערן צער**, אַז דאָ איז געווען אַ 'תוחלת ממושכה' וואָס איז נישט צושטאַנד געקומען.

(געוויינליך ביי אַן אָפּגעזאָגטן שידוך איז אויך דאָ די טעכנישע צער פון בושה, וואָס באַלאַנגט יאָ צום ערשטן חלק פון צער. אָבער אַמאָל איז דאָ אַ שידוך וואָס האָט שוין אָט געדאַרפט פּאַסירן, און קיינער האָט נאָכנישט געוואוסט דערפון. ווען דער שידוך איז צעפאַלן איז ניטאָמאָל דאָ די צער פון בושה, בלויז די צער פון דעם רצון וואָס איז נישט ערפילט געוואָרן).

## אַ רצון וואָס איז פאַרלוירן געגאַנגען איז נישט קיין קלייניגקייט

ווען אַ מענטש כאַפּט אַז ס'איז דאָ צוויי סאָרט צער, קען ער אויך אָנהויבן פאַרשטיין אַסאַך פּרטים אין זיין אייגענעם לעבן.

למשל, דער מענטש האָט זיך צוגעגרייט אַז ער גייט פאָרן זיך אָפּריען אויף עפּעס אַ וואַקאַציע. ער איז געווען פאַרנומען אַהאַלב יאָר מיט אַלע פּלאַנירונגען, (וואָס אויף דעם אַליין דאַרף ער אויך תשובה טון, פאַרוואָס ער איז געווען אַזוי פאַרנומען דערמיט, אָבער לאָמיר נישט יעצט אַריינגיין אין דעם). ער האָט געפּלאַנט און גערעדט ווי שטאַרק ער גייט הנאה האָבן דאָרט, אָבער אין דער לעצטער סעקונדע איז אונטערגעקומען אַ סיבה אַז ער קען נישט פאָרן.

דער מענטש פאַרשטייט נישט פאַרוואָס ער איז אַזוי גערעגט און אויס מענטש. ער טראַכט צו זיך: "איך בין טאַקע אַזאַ נאַרישער מענטש? ברוך ה', איך בין געזונט, מיין משפחה איז געזונט, **מ'קען שוין מיינען וואָס האָט פּאַסירט** . פאַרוואָס בין איך אַזוי אויסער זיך?!".

> מ'קען שוין מיינען וואָס האָט פּאַסירט... פאַרוואָס בין איך אַזוי אויסער זיך?!".

די תירוץ איז, אַז דו ביזט אויס מענטש ווייל דו ביזט יעצט אַריבער אַ 'תוחלת ממושכה מחלה לב'. **אין איין מינוט איז דיין גאַנצע דמיון צעשטערט געוואָרן.** האָסט אַזוי לאַנג געוואַרט אויף עפּעס און אינמיטן, אופּס... ביזט געבליבן מיט דעם 'רצון שלא נתמלא', און **דאָס טוט זייער שטאַרק וויי.** די גוטע נייעס איז אָבער אַז יעדע מינוט וואָס גייט פאַראיבער קילט זיך דאָס אָפּ, ווייל דאָס איז נישט קיין מציאות'דיגע צער, נאר אַ צער פון אַ רצון וואָס איז נישט ערפילט געוואָרן.

## צוויי סאָרט צער ביי עשה טוב

אַלענפאַלס, פונקט אַזוויו מיר פאַרשטייען דעם יסוד לגבי אַלע סאָרטן צער בגשמיות, איז **די זעלבע זאַך אַקטועל אויך ביי רוחניות'דיגע זאַכן.**

ווען אַ מענטש האָט אַ צמאון אויף רוחניות; ער וויל זוכה זיין צו פאַרשטיין תורה; צו לערנען ברציפות מיט קאָנצענטראַציע; ער האָפט אַז הלואי וואָלט ער געהאַט אַ חברותא וואָס איז פּאַסיג פאַר אים, ער האָט שוין אַמאָל געהאַט אַזאַ סאָרט חברותא, אָבער יעצט וואַרט ער דערויף, אָן דעם איז זיין לעבן נישט קיין לעבן ווייל אַליין קען ער נישט לערנען. אָדער ער האָפט צו באַקומען אַ טעם אין אַ דאַווענען, אַ טעם אין אַ שבת, א.א.וו.

זאָגט דער קדושת לוי: הער גוט, דאָ ליגט צוויי באַזונדערע סאָרט יסורים. **דו האָסט אַ צער פון דעם חסרון וואָס פעלט דיך ברוחניות**, אָבער דו האָסט **נאָך טיפערע יסורים פון דעם וואָס דו וואַרטסט און האָפסט און דו ווייסט נישט וואָס גייט זיין דער סוף:** אפשר וועסטו קיינמאָל נישט זוכה זיין, אפשר האָט מיך השי"ת פאַרוואָרפן? וואָס טוט מען דאָ? ווילאַנג גיי איך זיין אין דעם צער?!

דאָ פעלט דיך צוויי באַזונדערע זאַכן. **ערשטנס פעלט דיר דער חיות פון אַ שב"ק**, ווייל דו שפּירסט גאָרנישט קיין טעם אין שבת. צווייטנס פעלט דיך ווייל דו ביזט אַזויפיל משתוקק דערצו, און **דערווייל איז עס אַ השתוקקות וואָס איז נישט נתמלא געוואָרן.** און ווען אַ מענטש האָט אַ רוחניות'דיגע השתוקקות וואָס איז נישט נתמלא געוואָרן איז דאָס אַ געוואַלדיגע צער.

## צוויי סאָרט צער ביי סור מרע

דאָס איז נישט בלויז לגבי עשה טוב נאר אויך ביי אַ נסיון פון סור מרע, ווען דער מענטש ווערט נכשל מיט עבירות, ער האָט שוין אַזויפיל מאָל געוואָלט זיך אָפּשטעלן און ס'גייט אים נישט. **איז יעצט דאָ צוויי ריזיגע פּראָבלעמען.** צוערשט האָט ער אַ פּראָבלעם מיט די עבירות אַליין, דאָס איז גענוג אים אריינצוואַרפן אין די הרי חושך, השי"ת זאָל אָפּהיטן.

אָבער בנוסף לזה האָט דער מענטש אַזאַ טיפע צער, **זיין נפש איז אַזוי צעבראָכן:** "עד מתי?! הלואי, הלואי כ'וואָלט זיך געקענט אַרויסדרייען דערפון און פּטור ווערן פון די אַלע זאַכן. כ'זעה אָבער נישט קיין וועג אַרויס"...

דער מענטש האָט אַ מורא'דיגע השתוקקות צו זיין ריין און אָפּגעהיטן פון סור מרע, ער האָט שוין צען מאָל זיך אונטערגענומען, צען מאָל וואָלט גוט געווען, ער האַלט שוין נאָך הונדערט מאָל זיך נעמען... און יעדעס מאָל פאַלט ער נאָכאַמאָל דורך. דאָס איז מעורר אַזאַ טיפע צער מיט עצבות, ווייל ער זעט נישט דעם וועג אַרויס, און **די השתוקקות וואָס ווערט נישט ערפילט מאַכט אים נאָכמער טרויעריג** און אַראָפּגעשלעפּט. דאָס איז לכאורה אויך אַ חלק פון דעם עונש פון דער עבירה אַז ער קען זיך נישט אַרויסזען און דאָס ברענגט אַ גרויסע טיפע צער.

**אין דעם קומענדיגן גליון בעז"ה: וואָס די גאַנצע הקדמה האָט מיט דעם ענין פון חנוכה**

# קביעת עתים לתורה

## כדת מה לעשות;
וויאַזוי צו קובע זיין עתים לתורה מיט אַ פּראַקטישן צוגאַנג

קביעות עתים לתורה שיעור י״א - יום רביעי פּרשת תצוה י״ב אד״א תשפ״ד

**חלק א**

א

## קבוע וקיימא; מ׳דאַרף טראַכטן פון אַ רעאַליסטישן מהלך פאר קביעות עתים

### פאר קיום התורה פאָדערט זיך אויך צו זיין פּראַקטיש

כדי צו ריכטיג משלים זיין די סוגיא פון קביעות עתים לתורה, איז זייער וויכטיג אַז מ׳זאָל אַביסל אַרומרעדן אויך דעם למעשה׳דיגן חלק, וויאַזוי אַ מענטש זאָל קענען פּראַקטיש זיך מסדר זיין מיט אַ ריכטיגע קביעת עתים.

ס׳איז דאָ אַ גרויסער כלל, אַז אַלעמאָל ווען אַ איד וויל עוסק זיין אין אַ דבר מצוה, איז טראָצדעם וואָס ער איז שטאַרק אָנגעוואַרעמט דערצו, ער פאַרשטייט אַז מ׳קען נישט לעבן אָן דעם און זיין האַרץ שרייט אַז ער וויל דאָס, אָבער **אויב גייט ער זיך נישט מתבונן זיין ׳וויאַזוי׳ דאָס צו טון, דעמאָלט גייט ער נישט קענען צוקומען דערצו.**

אונזער וועלט איז אַן עולם העשיה מיט פאַרשידענע גבולות, סיי שוועריגקייט פון דעם מציאות העולם און סיי שוועריגקייט פון דעם גוף, און מ׳דאַרף קענען אַריינשיינען דעם ליכטיגקייט פון קיום התורה והמצוות, דוקא אין דעם באַגרעניצטן מצב.

דער רבוש״ע וויל דעריבער פון אַ איד, אַז בנוסף צו די וואַרעמקייט וואָס ער האָט אין האַרץ, **זאָל ער אויך טראַכטן און זיך לערנען די פּראַקטישע חלקים** וויאַזוי מ׳איז דאָס מקיים ריכטיג.

### בנוסף צו אַלע הכנות דאַרף מען אויך קענען די הלכות און אָנווייזונגען

לדוגמא, אויב אַ מענטש וועט לערנען במשך צוויי וואָכן אַלע חסידיי׳שע ספרים אויף די מצוה פון ד׳ מינים, און דער אויבערשטער האָט אים געשאנקן אַז ער האָט אויך אַ וואַרימע נשמה, ער איז באמת ריין און הייליג, און ער לערנט אויך קבלה אויף דעם ענין. ס׳איז הפלא ופלא... שם הוי׳... דער צירוף פון אתרוג, לולב, הדס וערבה... ער לערנט וואָס ס׳טוט זיך אָפּ אין אַלע הימלען ווען אַ איד שאָקלט לולב, ס׳איז ממש ׳נפשו חשקה׳, ער גייט אויס פון דביקות און ער גרייט זיך מיט אַ גרויסע הכנה, מיט אַ טבילה אין מקוה, א.א.וו.

אָבער **דער איד דאַרף אויך לערנען פּרק לולב הגזול אין מסכת סוכה...** ער דאַרף לערנען די הלכות אין שלחן ערוך צו וויסן וואָס הייסט אַ כשר׳ע אתרוג ולולב; ער דאַרף גיין צום אתרוג סוחר און זיך דאָס איינקויפן; און **ער דאַרף זיך אויך אויסלערנען די פּראַקטישע אָנווייזונגען** וויאַזוי צו האַלטן פריש די ד׳ מינים אַז ס׳זאָל נישט ווערן פאַרטרוקנט דורכאויס דעם יום טוב.

ס׳זענען דאָ מענטשן וועלכע זענען באַשאַפן געוואָרן לכתחלה מיט דעם חוש פון פּראַקטישקייט, זיי כאַפּן עס שנעל אויף און זיי זענען זיך אַסאַך מער מתחבר ווען ס׳קומט צו לערנען די הלכות פון ד׳ מינים, זיי לעבן דאָרט אַריין מיט אַ חיות. ווידעראום זענען דאָ מענטשן וואָס האָבן נישט די נאַטור, אָבער ס׳איז נישט מעלה און נישט מוריד; **יעדער איד מוז לערנען די מינימום, סיי הלכות און סיי פּראַקטישע אָנווייזונגען,** כדי צו וויסן וואָס מ׳דאַרף דאָ טון.

דאָס זעלבע זאַך איז ווען ס׳קומט צו בויען אַ סוכה, און די זעלבע זאַך איז ווען מ׳דאַרף באַקן מצות, און ביי אַלע אנדערע מצוות מעשיות.

### די מהות פון קביעות עתים איז צו האָבן אַ שטאַנדהאַפטיגע מהלך

פונקט ווי דער כלל איז געזאָגט געוואָרן לגבי אַלע מצוות, איז גאָרנישט אַנדערש ווען ס׳קומט לגבי לימוד התורה. הגם ס׳איז טאַקע נישט קיין זאַך וואָס מ׳דאַרף טון בפועל מיט דער האַנט, אָבער אדרבה, **טאַקע וויבאַלד ס׳איז אַן ענין שבמוח איז עס נאָך אַסאַך מער וויכטיג,** ווייל מ׳דאַרף זיך קענען מרכז זיין דעם מח.

בנוסף לזה דאַרף דאָך אַ מענטש קענען שטיין אין דעם ענין פון קביעת עתים מיט אַ קביעות, ווייל **דאָס איז דער חיוב פון קביעות עתים לתורה,** אַז ס׳זאָל זיך האַלטן מיט אַ פעסטקייט. קביעות עתים איז נישט אַ זאַך וואָס מ׳נעמט זיך דערצו ווען מ׳האָט אַ מורא׳דיגע התעוררות און ס׳האַלט זיך אַ וואָך צוויי, ווילאַנג דער מענטש פלאַקערט, אָבער נאָכדעם ווערט מען אָפּגעשוואַכט ווייל יעצט האָט מען באַקומען התעוררות פון אַנדערע זאַכן, און מ׳האָפט אַז איין טאָג וועט מען האָבן נאָכאַמאָל אַן התעוררות צום לערנען...

די מהות פון דער מצוה איז, אַז **דו זאָלסט טראַכטן און זיך מאַכן אַ פּלאַן,** וויאַזוי ס׳זאָל קענען זיין אַ ריכטיגער קביעות עתים. **דאָס וויל דער רבוש״ע פון דעם מענטש.**

### התעוררות איז גוט פאַר׳ן אנהויב, אָבער מ׳דאַרף אויך אַ גוטן סיסטעם

אודאי איז זייער וויכטיג צו ווערן אויפגעפלאַקערט מיט אַ שטאַרקע התעוררות, **דאָס ברענגט דעם מענטש צום טיש,** אַז ער זאָל וועלן זיך אונטערנעמען אַ פעסטע קביעות עתים.

אָבער יעצט ווען ער קומט שוין צום טיש, **איז דאָ אַ ציווי אויף אים אַז ער זאָל דאָס אַוועקשטעלן מיט אַ קביעות.** וואָס איז דיין פּלאַן?! **דו האַלטסט באמת אַז דאָס וואָס אַרבעט יעצט פאַר דיר וועט אַרבעטן אויך עטליכע חדשים אַרום?!** ס׳איז דאָך נישט מסתבר, ווייל התלהבות בלייבט נישט אויף שטענדיג. ווי דער בעל **חובת התלמידים** זצ״ל אין זיין ספר אש קודש שמועסט דאָס אויס אַז **התלהבות איז אַ זאַך וואָס בדרך הטבע ווערט דאָס צוביסלעך שוואַכער,** פונקט ווי אַ גחלת וואָס לעשט זיך אויס.

ס׳קען זיין אַז דיין התלהבות גייט דיך שטופּן עטליכע טעג און אפילו עטליכע וואָכן. ס׳איז באמת געוואַלדיג, אָבער דו מוזט על פי תורה מאַכן אַ חשבון, ווען די התלהבות וועט זיך אויסלעשן, **וועלכע זאַך גייט דיך דעמאָלט שטופּן צום לערנען?!** וואָס איז דיין פּלאַן אויף עטליכע וואָכן אַרום ווען דו גייסט נישט האָבן קיין נערוון, און דו וועסט האָבן טרדות?! **וואָס קענסטו טון יעצט אַז דעמאָלט זאָלסטו האָבן אַ גוטן מהלך?!**

### אַוועקשטעלן אַ האַלטער פאַר׳ן קביעות עתים

דער אויבערשטער ערוואַרטעט פון דעם מענטש אַז **ער זאָל שוין יעצט עוסק זיין צו מאַכן אַ פּראַקטישן מהלך.** ער זאָל מתפּלל זיין צו באַקומען אַ גוטן מהלך אין קביעות עתים; ער זאָל מברר זיין; ער זאָל לערנען אין ספרים דערוועגן; ער זאָל הערן אַן עצה פון אַ גוטן חבר; און ער זאָל זיך אַריינלייגן אין דער מחשבה, ״וואָס טוט מען אַז כ׳זאָל קענען בלייבן מיט אַ ריכטיגע קביעות עתים לתורה?!״

פונקט אַזויווי מ׳דאַרף קויפן אַ גוטן האַלטער פאר די הדסים און ערבות אַז ס׳זאָל זיך האַלטן פריש, **דאַרפסטו טון עפּעס כדי אַז דיין קביעות עתים זאָל זיך האַלטן!** דו דאַרפסט האָבן אַ פּלאַן אַז ס׳זאָל נישט ווערן אויסגעוועפּט נאָך צוויי וואָכן.

ב

## ולא תעלה במעלות על מזבחי; נישט שפּרינגען אויף אַמאָל העכער די יעצטיגע מדריגה

### אויב מ׳גייט צו הויך פאַלט מען אַראָפּ

דעריבער דאַרף מען טאַקע לערנען די עצות וואָס חז״ל געבן אונז, און די הדרכות וואָס צדיקים האָבן אונז געלערנט איבער דעם ענין. **דאָס איז אַ חלק פון לימוד התורה, ווען מ׳לערנט אין דער תורה וואָס צו טון,** כדי אַז מ׳זאָל באמת מצליח זיין אָנצוהאַלטן זיין קביעות מיט אַ שטאַרקייט און גיין ווייטער מעלה מעלה.

איינס פון די ערשטע יסודות וואָס איז קריטיש וויכטיג פאַר דער סוגיא איז, אַז ווען מ'גייט אַריין אין קביעות עתים **זאָל מען נישט קריכן און שפּרינגען קיין מדריגות העכער פון דעם מצב וואו מ'געפינט זיך יעצט.** ווייל אויב יאָ גייט מען אַראָפּפאַלן און דאָס איז די שטאַרקסטע עיכוב אַז מ'זאָל בלייבן מיט גאָרנישט.

## די עצה פון זרש; אַרויפקריכן אויף אַ הויכן בוים...

דער הייליגער **רמ"א** אין זיין ספר '**מחיר היין**' אויף מגילת אסתר, טייטשט דעם פּסוק: **יַעֲשׂוּ עֵץ גָּבֹהַּ חֲמִשִּׁים אַמָּה**, אַז דאָס איז די תחבולה פון דעם יצר הרע, וואָס איז מרומז אין המן - עמלק. **דער יצר הרע מאַכט אַז אַ מענטש זאל אַרויפקריכן אויף דעם בוים פון עבודת ה' גאָר הויך**, ווייל ער ווייסט זייער גוט וואָס דאָס גייט נאָכדעם צוברענגען.

דער רמ"א זאָגט דאָס לשון: '**עצת היצר הרע כשלא יוכל לאדם לפתותו ברע**' - ס'איז אַן עצה פונעם יצר הרע, ווען ער קען נישט איינרעדן דעם מענטש צו טון שלעכטס, ווייל דער איד איז יעצט דבוק מיט'ן רבוש"ע און מ'קען אים נישט איינרעדן צו טון עבירות. קומט אָבער דער יצר הרע מיט אַ צווייטן מיטל: '**מפתהו בתכלית הטוב, מדרגה עליונה שלא יוכל לעמוד בה, ובזה תהיה נפילתו**'. דער יצר הרע לאַכט זיך אונטער און ער שטופּט דעם מענטש זיך אונטערצונעמען אַ מדרגה וואָס איז נישט לויט זיין מצב, און דאָס וועט זיין די סיבה וויאַזוי דער מענטש וועט אַראָפּפאַלן חלילה.

יעדער איינער ווייסט זייער גוט וואָס דאָס איז. מ'ווערט נתלהב און מ'הייבט אָן גיין מיט'ן גאַנצן שטאַרקייט, **אָבער ס'גייט זיך נישט האַלטן אויף לאַנג**, ווייל ס'איז נישט צוגעפּאַסט לויט די כלים פון דעם מענטש.

## די קבלה טובה האָט נאָכנישט קיין כלים

דאָס איז פון די תחבולות היצר אין אַלע סאָרט אופנים פון עבודת ה', בפרט ביי קביעות עתים לתורה. דער מענטש איז מחליט אַז ער גייט לערנען עטליכע שעות גאָר פרי פאַרטאָגס, אָנגעהויבן פון אינמיטן נאַכט. **ער טראַכט צו זיך וועגן די זיסקייט פון לערנען אין די לילי טבת הארוכים...** אַה, נישטאָ קיין בעסערע זאַך פון דעם נעימות'דיגן קול תורה וואָס הערט זיך צווישן די ווענט פון שטוב ווען די קינדער שלאָפן נאָך...

אָט די הרגשה קומט באמת פון אַ געוואַלדיגע פלאַץ. די אידישע נשמה פלאַקערט און האָט אמת'ע גוטע רצונות, **אָבער ס'איז נאָכנישט דאָ קיין כלים דערצו**, און דעריבער קען זיך עס נישט האַלטן.

## יעדער קען אַרויפגיין, די קונץ איז צו בלייבן

אין ספר **תורת אבות** (עמו' קע"ו) שטייט אַ הייליג וואָרט פון הרה"ק רבי **מרדכי מלעכאוויטש** זי"ע אויפ'ן פּסוק: **מִי יַעֲלֶה בְהַר ה' וּמִי יָקוּם בִּמְקוֹם קָדְשׁוֹ** - אַז 'מי' איז נישט קיין לשון שאלה, נאר ס'מיינט אַ לשון פון 'יהיה מי שיהיה - אבי ווער'. **מ'דאַרף נישט זיין קיין גרויסער רשכבה"ג צו זיין אַ 'יעלה בהר השם'.** יעדער איד קען אַרויפגיין אויף דעם הר ה'.

אָבער דער פּסוק פירט אויס - **ומי יקום במקום קדשו?!** מ'דאַרף קענען אַוועקשטעלן **אַ מהלך אַז מ'זאָל קענען בלייבן אויף דעם הייליגן אָרט.** יעדער איינער קען נתלהב ווערן און אַרויפגיין, אָבער מי יקום במקום קדשו?! מ'דאַרף זיכער מאַכן אַז די עלי' האָט אַ קיום.

## די באַרג קריכער האַקן אַריין נעגל נישט אַראָפּצופאַלן

דער **לעכאוויטשער** זי"ע זאָגט דערויף אַ משל פון אַ הויכן באַרג וואָס איז זייער שיף, און אויב וועט איינער אַרויפלויפן דעם באַרג מיט אַ שטאַרקע אָנשטרענגונג **איז זייער עלול אַז ער זאָל פאַלן אויף צוריקוועגס.**

אָבער אַן 'איש משכיל' פאַרשטייט אַז אפילו אויב ער גייט זיך אָפּשטעלן אויף אַ מינוט קען ער זיך אַראָפּגליטשן 'מאגרא רמא לבירא עמיקתא'. דעריבער וואָס טוט דער איש משכיל?! **ער שטעקט אַריין נעגלעך אין דעם באַרג** זיך צו קענען אָנהאַלטן דערויף.

אַזוי טוען טאַקע די מענטשן וואָס קריכן אויף באַרג, אַז זיי האָבן אָנגעבינדן אויף זיך אַזעלכע ספּעציעלע סאָרט נאָגל מיט אַ שטאַרקן האַמער וואָס אַרבעט פאר בערג, און **נאָך יעדע עטליכע טריט האַקן זיי אַריין אַ נאָגל אין די שטיינער.** אַצינד ווען דער מענטש שפּירט גענוג באַקוועם צו בלייבן שטיין אָנכאַפּנדיג דעם נאָגל, קען ער זיך אָפּשטעלן ביי יעדן שטאַפּל צו שעפּן פרישע כוחות אַן אַראָפּפאַלן, און **דערנאָך גייט ער צו דעם קומענדיגן דרגא**, ביז ער קומט אָן צום שפּיץ.

דאָס זעלבע - זאָגט דער לעכאוויטשער - איז לגבי עבודת ה', ווי ס'שטייט אין ישעיה (כב, כג) **וּתְקַעְתִּיו יָתֵד בְּמָקוֹם נֶאֱמָן** - דאָס וויל דער רבוש"ע פון דעם מענטש, אַז ער זאָל זיך פירן אויף אַזאַ אופן פון **אַריינהאַקן נאגלעך צוביסלעך**, און נישט לויפן אויף איינמאָל.

## די תחבולות היצר אַז מ'זאָל דוקא יאָ קריכן גאָר הויעך

דער יצר הרע איז אודאי נישט צופרידן דערפון, דערפאַר פאַרדרייט ער פאַר'ן מענטש דעם קאָפּ אַז ער טוט נישט ריכטיג אויב ער גייט צוביסלעך.

דער בעל דבר האָט **אַ גאַנצע ספרים שאַנק פון מאמרי חז"ל און מימרות פון צדיקים...** ער זאָגט פאַר'ן מענטש: יענער צדיק האָט זיך אויסגעדרוקט אַז אַ בעה"ב וועלכער לערנט נישט כאָטש דריי שעה אַ טאָג, ווייסט ער נישט צי ער וועט קענען זען פּני השכינה...

דאַן זאָגט אים דער יצר הרע: זאָלסט וויסן אַז 'מסיר אזנו משמוע תורה, גם תפילתו תועבה', **דיין ביסל לערנען הייסט נישט געלערנט, דאָס באַדייט אַז דו האסט אויך נישט געדאַוונט...** כ'וויל סתם זאָלסט וויסן אַז דיינע תפלות גייען נישט אָנקומען... בלויז אויב דו האסט געלערנט אַ גוטע פאר שעה פאַר'ן דאַווענען, דעמאָלט קענסטו גיין דאַווענען...

אַזוי רעדט און רעדט דער יצר הרע, און בעיקר טוט ער דאָס מיט אַזאַ מענטש וואָס האַלט נאָך זייער ווייט. **דער בעל דבר וויל נאָר אַז דער מענטש זאָל זיך מקבל זיין צו לערנען עטליכע שעה אויף אַמאָל**, כדי אַז דערנאָך זאָל ער זיך נישט קענען האַלטן מיט דער קבלה און **אויף צומאָרגנס זאָל ער ווערן אַזוי צעבראָכן**, אַז נאָכדעם זאָל ער מחליט זיין אַז קביעות עתים איז נישט שייך פאַר אים. אַזוי האָט דער יצר געפאַנגען דעם מענטש אין זיין פּאַסטקע און נאָכדעם גייט ער צום קומענדיגן קרבן...

דער הייליגער רמ"א זאָגט דאָס קלאָר, און מיר ווייסן דאָס פון דעם מציאות, מ'דאַרף נישט קיין ספר דערפאַר. **סברא הוא למה לי קרא**, מיר ווייסן זייער גוט דעם אמת אַז דאָס איז ממש וויאַזוי דער יצר הרע אַרבעט אויף אונז.

ג

# לא בגבורת הסוס יחפץ; די איינציגע וועג צו הצלחה איז דורך שפּאַנען זייער צוביסלעך

## דורך אַרויפגיין הויעך מיט איין טריט קען מען זיך צעברעכן די ביינער

דער חתם סופר אין די **דרשות** (ח"ג דף לח, ח"ב דף רע"ט) זאָגט מורא'דיגע ווערטער: '**יש אשר חושקים לעלות להר הטוב הוא הר ה' בפסיעה אחת**' - אַסאַך מענטשן ווילן אַרויפגיין אויף דעם הר ה' מיט איין טריט. מ'דאַרף מאַכן קביעת עתים? **געגאַנגען!** ווען הייבט מען אָן? **היינט!** וויפיל?! **וויפיל מ'דאַרף!** צוויי שעה? **אודאי צוויי שעה!** מ'הייבט אָן מיט'ן גאַנצן קנאַק און פאַרטיג.

אָבער, זאָגט דער חתם סופר: '**ונופלים ושוברים את מפרקתם, גם זה לא הדרך ולא זה עיר השם**'. דער מענטש צעברעכט זיך נעבעך דעם גאַנצן חוט השדרה, ווייל נישט דאָס איז די וועג אָנצוקומען צו עבודת ה'. **מ'קען נישט אַזוי אָנקומען מיט אַזאַ מהלך!** די איינציגע וועג איז צו גיין צוביסלעך און נישט אויפאַמאָל, ווייל אויב מ'נעמט זיך אונטער אַסאַך מעשים אויף אַמאָל, וועט מען נאר פאַרלירן דערפון.

## דער פערד לויפט שנעל, אָבער ער איז 'הורג בעליו במלחמה'

מיט דעם יסוד טייטשט דער חתם סופר דעם פּסוק: **לֹא בִגְבוּרַת הַסּוּס יֶחְפָּץ לֹא בְשׁוֹקֵי הָאִישׁ יִרְצֶה** - דאָס לשון 'גבורת הסוס' איז טייטש ווען אַ מענטש גייט מיט אַ גבורה, ער שפּרינגט אַריין מיט אַ באָמבע.

אָבער - זאָגט דער חת"ס - די נאַטור פון אַ פערד איז אַז ס'איז 'הורג בעליו במלחמה', **ווען ס'איז דאָ אַ מלחמה וואַרפט ער אַראָפּ דעם רייטער און ער קען ווערן גע'הרג'ט.** דאָס זעלבע איז מיט איינער וועלכער וויל גיין אין עבודת ה' מיט אַ 'גבורת הסוס' קען פּאַסירן אַז ס'זאָל חלילה זיין 'סופו להרוג הגוף במלחמה'.

דער מענטש איז מחליט אַז ער גייט אויפשטיין צוויי אַזייגער פאַרטאָגס אָן קיין מעשיות, חק ולא יעבור! ער דאַוונט מעריב פרי, און ער ליינט קריאת שעל המטה נאָך אין ביהמ"ד, כדי אַז ער זאָל נישט קענען אויסרעדן דערנאָך... ער איז שוין אין בעט אַ פערטל שעה נאָכ'ן זמן מעריב. נעגל וואַסער האָט ער שוין אָנגעגרייט בעפאָר מעריב... ווייל צוויי אַזייגער איז צוויי אַזייגער, זאָל זיין וואָס זאָל זיין. **אָבער דער חתם סופר פאַרציילט אונז וואָס גייט פּאַסירן:** 'סופו להרוג את הגוף במלחמה'.

## די דאָפּלטע ריווח פאַר'ן יצה"ר פון איבערגעטריבענע שאיפות

דער יצר הרע איז זייער גוט אין זיין פאַך. ער גייט אים ברענגען אַ איד אַ בעה"ב וואָס דערציילט אים אַז:

'איך שטיי אויף יעדן טאָג צוויי אַזייגער'. דער יצר הרע ווייסט אַז סתם אַזוי וועט דער מענטש זאָגן אַז ס'איז אוממעגליך אויפצושטיין אַזוי פרי, **אָבער אַצינד האָט ער אים געברענגט אַ לעבעדיגער מענטש**; אַ איד אַ בעה"ב וואָס שטייט אויף צום לערנען צוויי אַזייגער.

דער מענטש הייבט אָן טראַכטן: **וואו בין איך?!** זעהסט דאך אַז מ'קען עס מאַכן! ס'איז אַ פאַקט! **רעד מיט אים וועסטו זען אַז ס'איז יאָ מעגליך!** יענער שטייט אויף און לערנט טעליכע שעות רצופות, דערנאָך דאַווענט ער מיט אַ געשמאַק און הערשט דערנאָך גייט ער צו דער אַרבעט. ס'איז דאך אַ מחי'...אָט אַזוי. **פונקט די מחשבות האָט דער יצר הרע געוואָלט ערריכן!**

ער נעמט אַ מענטש וועלכער שטייט אויף אַכט אַזייגער יעדן אינדערפרי און ער שטעלט אים צאַם מיט אַ מענטש וועלכער שטייט אויף צוויי אַזייגער ביינאַכט. **דער יצר ווייסט אַז ער גייט דאָ פאַרדינען אַ דאָפּלטע ריווח.** א) דער מענטש גייט נישט לערנען. ב) ער גייט אויך צעבראָכן ווערן.

## דער רצון ה' איז נישט צו גיין אפילו אַ 'פסיעה גסה'

דער יצר הרע זאָגט: כ'גיי מאַכן אַזאַ מהלך וואָס גייט צעברעכן דעם מענטש אויף אַזאַ שטאַפּל, אַז ער זאָל שוין נישט פרובירן אַזוי שנעל נאָכאַמאָל!

אויב וועט דער מענטש אָנהויבן אויפשטיין האַלב זיבן אינדערפרי, קען דאָך עס האָבן אַ קיום, אפילו אויב ער גייט דורכפאַלן וועט ער ווייטער פרובירן. **איך דאַרף מאַכן אַזאַ סאָרט פלאַן וואָס ער זאָל זיך נאָכאַמאָל נישט אָנהויבן מיט מיר...** אַזוי אַרבעט דער יצר הרע, מיט אַזאַ טאַקטיק צעברעכט ער דעם גאַנצן גוף, די שלום בית הינקעט אונטער, דער מענטש ווערט צעפּאַרן, און אַלע זיינע גוטע רצונות גייען לטמיון.

זאָגט דער חתם סופר ווייטער: '**על כן אמר, לא בגבורת הסוס יחפץ וגם לא בשוקי האיש ירצה, שוקי האיש הוא רמז לפוסע פסיעה גסה, כי גם בזה אין ה' חפץ**'.

נישט בלויז וויל נישט השי"ת דעם 'גבורת הסוס', נאָר **ער וויל אויך נישט דעם 'שוקי האיש'**, וואָס איז מרמז אויף איינער וואָס גייט גרעסערע טריט ווי זיין מדריגה. נאָר: **רוֹצֶה ה' אֶת יְרֵאָיו אֶת הַמְיַחֲלִים לְחַסְדּוֹ** - השי"ת וויל אַז מ'זאָל אָנהויבן בלויז אויף דעם פלאַץ וואו מען געפינט זיך יעצט. **דער מענטש גייט מאַכן אַ קביעות פון צען מינוט**, אָבער דאָס גייט ער אַריינהאַקן ווי אַ נאָגל מיט אַ שטאַרקייט! טאַקע בלויז צען מינוט, אָבער ער גייט זיך פעסט האַלטן מיט די צען מינוט.

## דער היפוך פון קביעות עתים

פון דעם חתם סופר קומט אויס אַ יסוד נפלא: ווען אַ מענטש נעמט זיך אונטער אַ זאַך וואָס איז העכער פון זיין מדריגה, **האָט ער יעצט געטון דעם היפוך פון קביעות עתים לתורה**. פאַרוואָס? ווייל די טייטש פון קביעות עתים מיינט, אַז דו מאַכסט אַ סדר וואָס דו קענסט שטיין דערביי יעדן טאָג אָן קיין פאַרפעלן.

קביעות עתים באַדייט אַז דו האסט זיך אונטערגענומען **אַזאַ סאָרט קביעות וואָס דו גייסט קענען אָנהאַלטן**, אפילו אויב ס'איז דאָ שמחות ביינאַכט; אפילו אויב דו קענסט פאַרדינען אַסאַך געלט אין דער צייט; און אפילו אויב דו האסט אַסאַך טרדות און אחריות'ן אין שטוב און פון די משפחה.

אָבער אויב דער מענטש האָט זיך מקבל געווען עפּעס וואָס איז העכער זיין מעגליכקייט, איז פשט דערפון איינס פון די צוויי אָפּציעס: אָדער ביסטו סתם אַ נאַר, און מ'קען גאָרנישט בויען אויף די החלטה פון אַ נאַר. אָדער האָסטו איינפאַך נישט געטראַכט ריכטיג, ווייל דו **האסט נישט געזעהן דעם גאַנצן בילד פאַר די אויגן** און דו האסט נישט גענומען אין חשבון דיין מציאות.

## יעדע קליינע קבלה בויעט פרישע כלים פאַר'ן קומענדיגן שטאַפּל

טאָמער דו וואָלסט געטראַכט מיט אַ ריכטיגן בליק וואָלסטו געדאַרפט קענען צוקומען צו דער מסקנא אַז **אַזאַ סאָרט איבערגעטריבענער החלטה איז אַ זאַך וואָס גייט זיך נישט קענען האַלטן**. אפשר וועסטו נאָך אַמאָל צוקומען צו דער מדריגה. ווער נישט יעצט אינגאַנצן צעבראָכן אַז יענער שטייט יאָ אויף צוויי אַזייגער און דו קענסט נישט. ס'איז זייער מעגליך אַז דו וועסט נאָך אויך קענען אין דער צוקונפט, **אָבער נישט יעצט!** אויפ'ן יעצטיגן מאָמענט האָסטו נאָכנישט די כלים פאַר אַזאַ קבלה!

ווען אַ מענטש איז מקבל אויף זיך אַ קליינע אָבער פעסטע קבלה, **מאַכט ער דערמיט כלים פאַר אַ גרעסערע קבלה**, און ווען ער האָט שוין די כלים קען ער גיין מיט אַ טריט ווייטער. **אַזוי קען מען זיין אַן אמת'ער 'יעלה בהר השם'** - מען גייט צוביסלעך, אַ טריט נאָך אַ טריט.

## אַ טעות וואָס קומט צוליב אונזער נאַטירליכע גאווה

אָבער אויב דער מענטש גייט נישט צוביסלעך, נאָר ער שפּרינגט אַרויף צו הויכע שטאַפּלען, איז אַ סימן אַז ער זעט נישט דאָס בילד ריכטיג, עס פעלט אים 'חכמת חיים', און **בנוסף דערצו איז דאָס אויסגעמישט מיט אַסאַך גאווה**, וואָס דאָס אַליין ברענגט אַ מאַנגל פון סייעתא דשמיא. צוליב זיין גאווה קען ער נישט אנערקענען דעם אמת אַז 'איך בין נאָכנישט דאָרט'. **אַ מענטש דאַרף קענען זאָגן: 'איך האַלט נאָכנישט ביי דעם שטאַפּל'.**

וויפיל יונגעלייט זענען דאָ וואָס זיי גייען נישט אַרויס פון כולל, טראָצדעם וואָס זיי זענען צעבראָכן און זושאַסן און זיי לערנען נישט, **אַלעס וויבאַלד ס'פּאַסט זיי נישט?!** דאָס איז חס ושלום נישט געזאָגט געוואָרן 'ללמד על הכלל', מ'רעדט נאָר פון די יחידים וועלכע ווייסן זייער גוט וואָס מ'מיינט צו זאָגן.

מען איז אים מציע צו ווערן אַ מלמד אין תלמוד תורה, און **ער ווייסט אַז ס'איז דאָס בעסטע זאַך פאַר אים**, אָבער ער וויל עס נישט אָננעמען ווייל ס'פּאַסט אים נישט... איי, דאָרט גייסטו זיך קענען אַרויסברענגען דיינע כוחות און כשרונות?! דאָרט גייסטו קענען אויפאַרבעטן דיינע כלים אַז דו זאָלסט אַליין שטייגן און מצליח זיין צו נאָנט ווערן מיט'ן רבוש"ע?!

אָבער דער מענטש זאָגט: ניין! רעדט נישט צו מיר דערפון! **ווינציגער ווי אַ שטעלע אַלס עיון מגי"ש אין ישיבה גדולה שיעור ב' הער איך ניטאַמאָל**... אויב דו ברענגסט מיר אַזאַ פּאָזיציע אין ישיבה גדולה וועל איך רעדן מיט דיר... אַזוי קומט ער נעבעך נישט אָן אין ערגעץ. ווייל דאָ ליגט אויסגעמישט אַ מאַנגל אין חכמת חיים צוזאַמען מיט גאווה.

ד

# ממדריגה למדריגה תעלנו; די קליינע אָבער ריכטיגע קבלות טובות ערמעגליכט צו שטייגן

## היום לעשותם; זיך נישט אַליין פּאַפּן

לעניננו, ווען ס'קומט צו קביעות עתים, זאָל אַ מענטש טראַכטן: **וואו בין איך יעצט?!** און ער זאָל זיך 'נישט' פרעגן: וואו וויל איך אָנקומען?!

אודאי איז זייער גוט צו האָבן אַ שאיפה אָנצוקומען גאָר הויך. אדרבה, שרייב אַראָפּ די שאיפה מיט גאָלדענע אותיות אַז דו ווילסט נאָך אַמאָל אָנקומען דאָרט צום גרויסן ציל, און **פאַרגעס דאָס נישט, חזר עס יעדן טאָג**. זיי נישט גונז דיינע אַלע שאיפות, אָבער **יעצט אויף למעשה דאַרפסטו זיך פרעגן אַן אַנדערע שאלה: וואו בין איך יעצט?!**

דו מוזט זיך פרעגן דוקא די שאלה! טראָצדעם וואָס ס'איז זיכער אמת אַז דער רבוש"ע גייט זיין מיט דיר און ער וועט דיך העלפן אָנקומען. אָבער **דו דאַרפסט האָבן אַביסל ענווה, צו מכיר זיין דעם מציאות.** ווער בין איך היינט צוטאָגס?! וועלכע סאָרט סדר שפּיר איך אַז דאָס קען בלייבן ביי מיר מיט אַ קביעות?! ווייל אויב איך גיי זיך אונטערנעמען עפּעס וואָס גייט נישט בלייבן בקביעות, **בין איך נישט געגאַנגען נאָענטער נאָר כ'בין געגאַנגען ווייטער**.

מ'קען זיך גאָרנישט פאַרשטעלן וויפיל מענטשן זענען ליידער נישט מצליח אָנצוקומען צו קיין שום פלאַץ צוליב אָט די סיבה. **דאָס איז לכאורה די גרעסטע גורם פאַרוואָס זאַכן רירן זיך נישט**, און פאַרוואָס מ'איז נישט מצליח זיך צו מסדר זיין מיט אַן אמת'ע קביעות עתים.

## מאַכן שלום צווישן דעם שכל מיט די נאַטור

דער חתם סופר פירט דאָרט אויס אַז דאָס איז פשט אין דעם פסוק: **בקש שלום ורדפהו** - 'שצריך **לעלות לאַט לאַט באופן שיעשה שלום בין שכלו וטבעו**'.

דאָס הייסט אַזוי: אין דיין שכל האָסטו טאַקע גרויסע שאיפות מיט התלהבות, אָבער גלייכצייטיג **קענסטו זיך נישט מתעלם זיין פון דעם פאַקט אַז דו האסט אויך דיינע נאַטורן און תכונות הנפש**.

עס זענען דאָ מענטשן וואָס זיי האָבן אַ צורך אַז זיי מוזן שמועסן און פאַרברענגען מיט חברים. אודאי קענסטו אָנהויבן אַרבעטן דערויף, אָבער **דו מיינסט טאַקע אַז אין איין טאָג גייט עס אַרבעטן?!** דאָס וועט אפשר אָנהאַלטן ווילאַנג דו האסט דעם ברען, אָבער נאָכדעם גייט עס פּלאַצן. **לאָמיר אַלזאָ מאַכן אַ קבלה וואָס דו קענסט אָנהאַלטן אפילו מיט דיין יעצטיגע נאַטור**, אַזוי וועסטו מצליח זיין צו גיין צוביסלעך, שטאַפּל נאָך שטאַפּל.

## ביסט שוין באַקוועם?! גיי צום קומענדיגן שטאַפּל

זאָגט דער חתם סופר: **'ומיד שיהי' לו שלום, ירדפהו לשלום ההוא ויעלה למה שלמעלה, וכן לעולם, בקש שלום ורדפהו'**.

די ערשטע זאַך דאַרף זיין 'בקש שלום', מ'זאָל זוכן אַ זאַך וואָס איז 'שלום' צווישן דעם שכל און דעם טבע. אָבער נאָכדעם וואָס דו שפּירסט אַז ס'איז שוין מסודר, און די קבלה האָט זיך שוין קובע געווען ביי דיר מיט אַ פעסטקייט, **בלייב נישט אויף דעם פּלאַץ!** יעצט גיי ווייטער, זיי מרחיב דעם שלום 'ורדפהו'!

יעצט קענסטו זיך מקבל זיין צו לערנען **נאָך פינף מינוט.** דו קענסט גיין **צום קומענדיגן דרגא**, ווייל דו ביסט שוין צוגעוואוינט און מסודר אויף דעם פריערדיגן פּלאַץ.

## פסיעה גסה נעמט אַוועק דאָס ליכטיגקייט

דער חתם סופר ברענגט דאָ וואָס זיין רבי, דער הייליגער **הפלאה** זצ"ל, האָט געטייטשט דאָס לשון פון חז"ל: **'פסיעה גסה נוטלת מאור עיניו של אדם'**, אַז אַ מענטש דאַרף זיך מקדש זיין מיט מדריגות צוביסלעך, אָבער **אויב וויל ער אַרויפגיין גלייך אויפאַמאָל, מיט אַ פסיעה גסה, נעמט דאָס אַוועק די ליכטיגקייט.** עס נעמט אַוועק זיין נאָנטקייט צום רבוש"ע.

ווען ס'קומט צו קדושה וטהרה איז דען דאָס נישט אַזוי?! **אויך דאָרט דאַרף אַ איד אַלעמאָל וויסן דעם ריכטיגן וועג צו מאַכן שלום 'בין שכל לטבע'**. ער האָט געלערנט אָדער געהערט וואָס ס'שטייט אין חסידי'ישע ספרים הק' און זיין נשמה שטרעבט באמת צו העכערס, ווייל אַזוי דאַרף עס זיין. אָבער ער האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט אויף אַ מינוט טראַכטן: **וואָס גייסטו טון ווען דו גייסט נישט זיין אין דעם יעצטיגן התלהבות'דיגן מצב?!** ער האָט נישט געמאַכט קיין מהלך, ס'איז נאָר געווען אַ התלהבות בעלמא.

דער מענטש האָט עס טאַקע ממאס געווען אויף אַ שטאַרקן אופן, אָבער ווען די התלהבות איז נישט דאָ מער, דעמאָלט גייט אַלעס צוריק, מפטירין כדאתמול, און אפשר נאָך ערגער ווי ס'איז געווען, ווייל ער איז יעצט צעבראָכן ביי זיך און ער ווייסט שוין נישט מפריד צו זיין צווישן דברי רשות און דברי עבירה ה"י. **ער האָט נישט די ריכטיגע טרעפּלעך צו גיין שטאַפּלוויז** און ער ווייסט נישט וויאַזוי זיך אַוועקצושטעלן און זאָגן: יעצט גייען מיר שטייגן בלויז מיט איין האָרעלע.

## אַ באַרג פון האָרעלעך

אַזוי זאָגן אונז **חז"ל** אין **מסכת סוכה** (נב, א) אַז לעתיד לבא וועט הקב"ה ברענגען דעם יצר הרע און אים שעכטן פאָרנט פון די צדיקים און די רשעים. ביי צדיקים וועט זיין נדמה להם כהר גבוה, און ביי רשעים וועט זיין נדמה להם כחוט השערה. **הללו בוכין, והללו בוכין** -ביידע וועלן וויינען. די צדיקים וועלן וויינען און זאָגן: **'היאך יכולנו לכבוש הר גבוה כזה'**, און די רשעים וועלן וויינען און זאָגן: **'היאך לא יכולנו לכבוש את חוט השערה הזה'**.

די מפרשים פרעגן שוין: וואָס איז די אמת?! דער יצר הרע איז אַ באַרג אָדער אַ חוט השערה?! שטייט אין ספה"ק **בית אהרן** פרשת נצבים, און די זעלבע שטייט אין אַסאַך ספרים הק', אַז **דער יצר הרע איז אַ גרויסער באַרג וואָס איז געבויעט פון האָרעלעך.** ס'איז אַ 'הר של שערות'.

דער צדיק האָט געאַרבעט בלויז אַ האָר אויף אַמאָל. **ער האָט גענומען אויף זיך אַ קליינע קבלה**, ער האָט דאָס שטאַרק אַראָפּגעשטעלט און דערנאָך האָט ער געהאַט פּלאַץ פאַר נאָך אַ האָרעלע. **אַזוי איז דאָס צוביסלעך געוואָרן אַ גאַנצע ריזיגע באַרג.** דאָס איז נישט געמאַכט געוואָרן פון ריזיגע שטיקער אויף אַמאָל, נאר פון קליינע אָבער פעסטע שטיקעלעך. טריט ביי טריט.

## שטייגן העכער לויט די יעצטיגע אומשטענדן

דער **חובת הלבבות** זאָגט אין **שער חשבון הנפש** פרק ג', אַז וואָס איז דער סימן צו וויסן אַז מ'קען שוין גיין ווייטער צום קומענדיגן מדריגה?! **ווען דער מענטש זעט אַז ער איז שוין צוגעוואוינט צו זיין פריערדיגע שטאַפּל.** די דרגא פון פריער קומט אים מער נישט אן שווער און זיין טבע איז שוין מסכים דערצו, דעמאָלט איז די צייט צו גיין ווייטער מיט נאָך אַ טריט.

דאָס איז נוגע פאר אַלעמען, ווייל יעדער איד קען זיך רוקן פאָראויס אין לעבן. לאָמיר נעמען אַ משל פון איינער וועלכער פלעגט אויפשטיין שפּעט אין טאָג אַריין, השי"ת זאל אָפּהיטן, און ליידער איז נישט געווען קיין זהירות מיט סוף זמן קריאת שמע אָדער סוף זמן תפלה. אַצינד האָט ער זיך מרגיל געווען צו אויפשטיין האַלב אַכט אינדערפרי. אין אָנהויב איז אים דאָס אָנגעקומען שווער, אָבער ער האָט דאָס געטון אַזוי לאַנג, ביז **ס'איז שוין אַצינד געוואָרן אַ הרגל.** דער מענטש האָט הנאה צו אויפשטיין נאָרמאַל, ער קען שוין נישט צוריק קוקן ווען זיין אַלטע מהלך. **יעצט קען ער שוין טראַכטן וועגן אויפשטיין האַלב זיבן אָדער אַ פערטל נאָך זעקס**, און אַזוי קען מען שטייגן ווייטער.

די ווייטאָג איז אַז אַסאַך מענטשן האָבן נישט אַזאַ סאָרט זייגער, זיי האָבן בלויז צוויי אָפּציעס, **אָדער אויפשטיין עלף אַזייגער אָדער אויפשטיין פינף אַזייגער...** אָבער דאָס מאַכט חרוב דעם קביעת עתים און צדיקים זאָגן אונז אַז די ריכטיגע וועג איז צו גיין דוקא גאָר פּאַמעליך, לויט וויפיל מ'קען יעצט דערהייבן.

## נקודה למחשבה

### חנוכה איז אַ זמן פון ישועות העכער די טבע, פאַרוואָס טאַקע?

לאָמיר אַריינטראַכטן: ווען די חשמונאים האָבן זיך געקריגט מיט די יוונים האָבן זיי לוחם געווען קעגן דעם כח פון קליפּה, און וואָס איז געוואָרן?! נישט נאר האָבן זיי צוריקגעשטעלט דעם מזבח, נישט נאר האָבן זיי נישט געלאָזט אַז די יוונים זאלן אַריינקומען אין בית המקדש. נאר **דורך זייער מלחמה, האָבן זיי געברענגט אַז ס'איז געוואָרן אַ נייער יום טוב!** אַ נייע אור! ס'איז געקומען אַ יום טוב פון חנוכה! ס'איז געוואָרן אַזאַ הארה וואָס אפילו אין גלות קומט אַראָפּ אַ מורא'דיגע ליכטיגקייט.

חנוכה איז אַ זמן וואָס די תפלות ווערן נתקבל! ס'איז אַ זמן וואָס עס קומט אַראָפּ אַזאַ ברכה פון דער השראת השכינה. עס קען דעמאָלט חל זיין אויף דער וועלט נסים העכער די טבע, ווי **אַלע ספרים ברענגען אַז חנוכה איז אַ זמן פון נסים.**

דאָס הייסט אַז אויב דער יצר הרע זוכט צו צעברעכן דעם כח הקדושה, און עס קומט אַ איד וואָס איז זיך מחזק אַז מ'גייט יאָ האַלטן דעם מזבח גאַנץ, מ'גייט מקריב זיין קרבנות ווי ס'דאַרף צו זיין, מ'גייט דאַווענען ערליך, מ'גייט נישט לאָזן דעם כח פון דער סטרא אחרא, דעמאָלט ווען דער איד טוט אַזאַ זאַך, נישט בלויז בויעט ער צוריק דעם בית המקדש, אַז ס'זאָל נישט פעלן די אַלטע שפע, **נאר עס ווערט אַ נייע יום טוב!** ער מאַכט אַז ס'זאָל אַראָפּקומען אַ ספּעציעלע כח פון שפע און נסים!


## פטרון השבוע

לזכות

יושע הערשל בן חוה חנה

זכות הפצת התורה וזכות הרבים יעמוד לימין הנדבן החשוב שיזכה לבני חיי מזוני רויחי
מתוך בריות גופא ונהורא מעליא ולהתברך בכל מעשי ידיו

יעמדו על הברכה שלקחו חלק בהפצת הגליון

ישלם ה' פעלם ויזכו לכל הברכות האמורות בתורה

צו נעמען א זכות און די הפצת הגליון אדער פאר סיי וועלכע הערות ביטע רופט:
718.387.1122
info@machonhavineini.com

קול הבינוני
ארה"ב 718.686.8300
א"י 072.257.7726
בריטניה 0204.586.2115
בלגיה 03.300.0223

ניתן להשיג הגליון במקומות הבאים:

בארא פארק: ביהמ"ד סאטמאר 53 לאקער #62; ביהמ"ד קראסנא לאקער #166; ביהמ"ד ראחמיסטריווקא - ליד המקוה; ביהמ"ד טאהש - ליד המקוה; The Winery 18 Ave

וויליאמסבורג: ביהמ"ד סאטמאר - בנין בראך - לאקער #213; ביהמ"ד בראשוב - לאקער 58; Central Market; ביהמ"ד וויען - שמש שטיבעל; ביהמ"ד קראלי - שמש שטיבעל

מאנסי: ביהמ"ד סאטמאר 13 Monsey; ביהמ"ד דעלעטין; ביהמ"ד ראדאשיץ - Airmont; ביהמ"ד דאמבראווא; בית המדרש רידזש ויואל משה סאטמאר

קרית יואל: ביהמ"ד אהל פיגא; ביהמ"ד בית אלעזר; ביהמ"ד בית מנחם זאב; ביהמ"ד ישמח משה; ביהמ"ד אבני צדק; ביהמ"ד רב טוב; ביהמ"ד בית דוב